אַ מעשׂה שהיה. אַ מאָל איז געווען אַ רבי, אַ מושלם אַ ייִד, האָט ער געוווינט אין לאַנד עוץ. גאָט האָט אים געבענטשט מיט גרויס עשירות און ער האָט אויך געקענט די שבֿעים לשונות. דער דאָזיקער רבי האָט אויפֿגעהאַלטן אַ גרויסע ישיבֿה, ווו עס האָבן געלערנט אַ סך בחורים מיט גוטע קעפּ. ער האָט אויך פֿאַרזאָרגט מיט חינוך אויף זײַן אייגענעם חשבון אַ צאָל קליינע ייִנגלעך. בדרך כּלל האָבן זיך תּמיד געפֿונען אַ הונדערט בחורים אין דער ישיבֿה. זײַן צדקות איז נאָך אַזוי ווײַט געגאַנגען, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן אַ צדקה־קאַסע פֿאַר אָרעמע בחורים און אין זײַן הויז זײַנען געווען אָרעמע לײַט, אײַנגייערס, וועלכע ער האָט געהאָלפֿן מפֿרנס צו זײַן מיט אַ ברייטער האַנט. דער היפּוך פֿון אים איז געווען זײַן ווײַב, אַ מרשעת אַ ייִדענע, וואָס האָט געקוקט מיט אַ בייז אויג אויף זײַנע גוטע מעשׂים און בשום אופֿן נישט געקענט פֿאַרטראָגן, אַז עס איז אַרײַנגעקומען אין הויז אַן אָרעמער ייִד.

ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „מען ציט אַזוי לאַנג דעם שטריק ביז ער צערײַסט זיך". אַזוי איז טאַקע געשען מיט אונדזער פֿרומען ייִדן. עס האָט באַלד אַזוי ווײַט געהאַלטן, אַז ער איז געוואָרן לא עליכם אַ יורד, שטאַרק פֿאַראָרעמט, אַזוי אַז ער האָט מער נישט געהאַט מיט וואָס אויסצוהאַלטן די אָרעמע לײַט, די בחורים און די ייִנגלעך. האָט ער זיך דעריבער שטאַרק מצער געווען און טראַכט זיך אַ מאָל: „וואָס זאָל איך איצט טאָן? האָב איך דאָך אַלע מײַנע יאָרן עוסק געווען אין צדקה און אַוועקגעגעבן וואָס איך האָב נאָר געקענט. אַצינד בין איך געוואָרן, בעוונותינו הרבים, אַ יורד. אָבער וואָס קען אַ מענטש טאָן? איך וויל דאָס אַלץ מקבל באַהבֿה זײַן פֿון השם יתברך האַנט, ווײַל אַלץ וואָס ער טוט איז גערעכט. ווער ווייס, אפֿשר האָב איך מיך מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט און איך מוז אָפּקומען פֿאַר מײַנע זינד!" — און ער האָט זיך ווײַטער געטראַכט: „וואָס וועט שוין אַרויסקומען דערפֿון, אַז איך וועל מיך באַקלאָגן אויף מײַן מצבֿ? פֿאַראַן לײַט, וואָס האָבן נאָך דערפֿון גאָר הנאה. איך וועל דעריבער אָפּטאָן אַ זאַך און וועל בסוד סודות פֿון דאַנען אַנטלויפֿן, אַז עס זאָל קיינער נישט וויסן ווו איך בין אַהינגעקומען". הקיצור, ער האָט צונויפֿגערופֿן זײַנע בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין דער ישיבֿה, און זאָגט צו זיי בזה הלשון: „ליבע בחורים, איר ווייסט דאָך זייער גוט, ווי געטרײַ איך בין געווען צו אײַך די גאַנצע צײַט. איך האָב אײַך פֿאַרזאָרגט מיט קעסט און קליידער, און מיט אײַך געלערנט. עס האָט אײַך גאָר נישט געפֿעלט. אָבער איצט מוז איך אײַך מוסר זײַן אַ סוד, אָבער איך פֿאַרהאָף, אַז איר וועט דאָס מאָל זיך אַזוי אויפֿפֿירן לגבי מיר, ווי איך האָב מיך געפֿירט לגבי אײַך". ענטפֿערן די בחורים ווי מיט איין קול: „ליבער רבי, לאָזט אונדז וויסן אײַער סוד! מיר זאָגן אײַך צו, אַז מיר וועלן האַלטן מיט אײַך אַזוי לאַנג, ווי לאַנג גאָט וועט אונדז שענקען אונדזער לעבן". הייבט דער רבי אָן און זאָגט: „טײַערע בחורים מײַנע! איר זאָלט וויסן, אַז מײַן מצבֿ איז געוואָרן זייער אַ שווערער און איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן פֿון דאַנען. איך קען מיר באמת נישט קיין עצה געבן מחמת דער אָרעמקייט, וואָס איז מיך באַפֿאַלן. לכן, וויל איך אײַך בעטן, אַז איר זאָלט מיט מיר מיטקומען. דערווײַל האָב איך נאָך עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע גילדן אין קעשענע, וועלן מיר זיי קענען צוזאַמען פֿאַרלעבן. ווער ווייס, אפֿשר וועט השם יתברך ווידער אַ מאָל מיט מיר מטיבֿ זײַן ווי פֿריִער, אַזוי וועט איר ווידער זײַן בײַ מיר אָנגעלייגטע קעסטקינדער אַלע יאָרן פֿון אײַער לעבן". האָבן די בחורים דערויף געענטפֿערט: „ליבער רבי! וואָס איר זאָלט נישט פֿאַרלאַנגען פֿון אונדז, וועלן מיר גערנוויליק טאָן. וואָס מיר פֿאַרמאָגן נאָר, סײַ אין געלט און סײַ אין מלבושים, וועלן מיר מיט אײַך טיילן. נאָר נישט געזאָרגט". הקיצור, דער רבי איז אַוועק מיט פֿופֿציק פֿון זײַנע בחורים און קיינער האָט אַפֿילו נישט געוווּסט די סיבה, פֿאַר וואָס ער איז אַזוי בסוד־סודות אַוועק פֿון דער היים. ווען די אָרעמע לײַט האָבן זיך דערוווּסט, אַז זייער גרויסער בעל־צדקה איז אַוועק, איז זיי באַפֿאַלן אַ גרויסע מורא, גלײַך ווי די ייִנגלעך, וואָס ער האָט דערצויגן אויף זײַן חשבון, און די איבעריקע בחורים, וועלכע זײַנען פֿאַרבליבן בײַ זײַן ווײַב אין שטוב. דער רבי האָט זיך אָבער געלאָזט מיט זײַנע בחורים אין וועג אַרײַן. און היות ער איז געווען אַן איש־מפֿורסם, האָט מען אים אָנגעטאָן גרויס כּבֿוד אומעטום, ווו ער איז נאָר אַהינגעקומען, ווי עס פּאַסט זיך טאַקע פֿאַר אַזאַ שטייגער מענטש. האָט זיך טאַקע קיינער נישט געחידושט, פֿאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, און מען האָט דאָס אויסגעטײַטשט, אַז מסתּמא ציט ער מיט זײַנע בחורים צו אַ ישיבֿה, כּדי צו לערנען תּורה.



# The Rabbi Who Was Turned into a Werewolf

This story really happened.

Once there was a rabbi, a man of distinction, who lived in the land of Uz. He was very rich and he knew all the seventy languages. The rabbi kept a great yeshivah, which was attended by many fine students. He also paid for the education of a number of boys. All in all, there were some hundred young men in the yeshivah.

He also supported an organization for the poor, and there were many paupers who frequented his home. In a word, the rabbi was a pious Jew, with all the virtues befitting a Jew.

His wife, however, was a wicked woman, who looked askance at his good deeds. She couldn't bear the presence of any poor people in her house.

How does the proverb go? When the rope is too taut, it snaps.

And that was what happened with our pious rabbi. He lost all his wealth. Now, he could no longer help the poor, the students, and the little boys. He thought to himself:

"Oh God, what should I do? I've devoted all my life to charity for the sake of the Lord. But now, sinful creature that I am, I have become a pauper. What can a man do? I'll bear this without protest from God's hand, for everything He does is righteous. Who knows? Perhaps I committed some sin!"

And he mused:

"Well, what's the use of complaining? There are people who gloat over other people's misfortunes. I'll do something about it. I'll leave town secretly so that no one will know what's become of me."

He called together his fine students in the yeshivah and said:

"Dear students, you know how devoted I've been to you all this time. I've provided you with food and clothing, and studied with you. But now I have to tell you a secret, and I hope that you will do toward me as I have always done toward you."

The students answered together:

"Dear Rabbi, tell us your secret. And we promise that we will be true to you as long as God gives us life."

The rabbi told them he had to leave town, he couldn't understand why he had become a pauper. And he asked them to come away with him. "I still have a few ducats in my pocket, and we can live on them together. Who can tell? Perhaps some day the Good Lord will make me rich again, and then you can board with me for the rest of your lives."

The students answered:

"Dear Rabbi, we will gladly do everything you ask of us. And whatever we own, whether money or clothes, we will share with you."

And so the rabbi went away with fifty of his yeshivah students, and no one in the community knew about it. When the poor people found that the rabbi was gone they were deeply frightened, just like the boys he had raised at his own expense, and the other students, who remained in his house with his wife.

But the rabbi was off with his students. And because he was famous, he was greatly honored wherever he went, as befits such a great man. No one was surprised that he had left home, people assumed that he and his students were traveling to a yeshivah to study the Torah.

After they roamed about for a year or two, their clothes became tattered, and they ran out of money. Now they had to go begging. And there were fifty of them. Wherever they came, people shut the doors in their faces and refused to let them in. No one could tell whether they were yeshivah students or ne'er-do-wells.

At last, they became tired of their life of wandering, and they said to the rabbi:

"Dear Rabbi, what's going to become of us? How much longer

אז זיי האבן זיך אזוי ארומגעוואלגערט א יאר צוויי, זײַנען זיי מיט דער צײַט געווארן אפגעריסן און אפגעשליסן, ממש ווי די ארחי־פרחי, און דאס געלט האט זיך שוין לאנג געהאט אויסגעלאזט בײַ זיי. נישט האבנדיק קיין אנדערע ברירה, האבן זיי געמוזט אנקומען צו א מתנת־יד און ארומגיין איבער די הײַזער. דער סוף איז געווען, אז מענטשן האבן זיך גענומען פון זיי דערווײַטערן. וווּ זיי זײַנען נאר געקומען, האט מען פאר זיי פארמאכט די טירן און זיי נישט ארײַנגעלאזט. מען האט שוין מער נישט געוווּסט, צי דאס זײַנען נאך ישיבה־בחורים אדער פשוטע ליידיק־גייערס. דער סוף איז געווען, אז זיי זײַנען געווארן מיד פון דעם נע־ונד זײַן, און אין איין שיינעם, העלן טאג זאגן זיי צו זייער רבין: „ליבער רבי, וואס וועט אונדזער סוף זײַן? ווי לאנג נאך זאלן מיר זיך אזוי ארומשלעפן איבער די שטעט? מיר האבן דאך שוין נישט קיין פרוטה בײַ דער נשמה און קיין גאנץ שטיקל מלבוש אויפן לײַב. וווּהין מיר קומען פארהאקט מען די טירן און מען לאזט אונדז נישט ארײַן. אפשר איז א סברא, אז יעדער פון אונדז זאל ציִען צו זיך אהיים, צו זײַן טאטע־מאמע. מיר זײַנען דאך שוין נישט קיין יינגלעך, וועלן מיר ליבערשט טאן א שידוך און חתונה האבן. מיר ווילן אבער

אײַך מבטיח זײַן, אז מיר וועלן קיינעמען נישט אויסזאגן, וואס איר מאכט און וווּ איר זײַט". אז דער גוטער רבי האט געהערט די דאזיקע רייד פון זײַנע תלמידים, האט ער זיך אויף א ווײַל באקלערט און זאגט צו זיי דערנאך: „ליבע בחורים, וואס פאר א גרעסערן שבח קען איך אײַך נאכזאגן, ווי אײַער אמתע געטרײַשאפט, וואס איר האט מיר ארויסגעוויזן די גאנצע צײַט. דעריבער וויל איך אײַך איצט בעטן, אײַלט זיך נישט, לויפט נישט אוועק אזוי גיך, בלײַבט נאך בײַ מיר א פיר־פינף טעג ביז איבער שבת. דערנאך וועל איך אײַך מיט גאטס הילף לאזן ציִען פון דאנען. אפשר וועט השם יתברך אונדז פארט נאך באשערן א ביסל מזל און מיר וועלן קענען גיין צוזאמען אהיים". ענטפערן די בחורים: „גוט, ליבער רבי. זײַנען מיר שוין אזוי לאנג געווען צוזאמען מיט אײַך, טא וועלן מיר פארבלײַבן נאך עטלעכע טעג בײַ אײַך".

הקיצור, זיי האבן ווײַטער געהולכט, ביז זיי זײַנען אנגעקומען צו א וועלדל מיט ביימלעך. זאגט דער רבי צו די בחורים: „גייט איר א ביסל פארויס, מחמת איך וויל גיין אויף נקיות". זײַנען זיך די בחורים ווײַטער געגאנגען און געשמועסט אין לערנען. נאך די נקיות האט דער רבי געוואלט זיך וואשן די הענט, האט ער דערזען נישט ווײַט א ברונעם שטיין. איז ער צוגעגאנגען און זיך געוואשן די הענט. נאר ווי ער האט געוואלט גיין ווײַטער, דערזעט ער מיט א מאל אדורכלויפן א קליין וויזל, וואס האט געהאט אין זײַן פיסקל א שיין, גילדן פינגערל. האט ער גענומען נאכיאגן דעם וויזל, ביז עס האט געלאזט ארויספאלן דאס רינגל פון פיסקל. האט דער רבי אויפגעהויבן דאס רינגל און עס באטראכט. צו ערשט געמיינט, אז עס איז גאר נישט ווערט. אבער אז ער האט עס נאך א מאל גענויער באטראכט, האט ער באמערקט פון אינעווייניק אן אלט געשריפטס. היות ווי דער רבי איז געווען א גרויסער מלומד און האט אלצדינג געקענט, האט ער אויך באוויזן צו לייענען דאס כתב. דארט איז געשטאנען: „הגם איך זע־אויס נישטיק, איז מײַן ווערט נישט צו באצאלן".

ווי מיר האבן שוין דערמאנט, איז אונדזער רבי געווען א גרויסער מלומד און א בקי אין כלערליי חכמות. האט ער פארשטאנען, אז עפעס מוז זײַן די מער מיטן פינגערל, אז עס איז נישט אזוי פשוט. האט ער נאכגעטראכט, וואס פאר א סגולה דאס פינגערל קען האבן, אז עס איז ווערט גאר אזוי פיל, וואס מען קען דערפאר אפילו גאר נישט באצאלן. טראכט ער זיך, אפשר פארמאגט דאס פינגערל אזא כישוף, אז מען קען זיך מיט דעם ווינטשן אלץ, וואס דאס הארץ באגערט נאר, ווי מען האט שוין אזוינס נישט איין מאל געהערט. טראכטנדיק אזוי, מאכט ער צו זיך: „פון דעסט וועגן וויל איך מיר פארט עפעס ווינטשן. וואס קען דאס מיר שאטן?" — און בשעת מעשה ווינטשט ער זיך, אז השם יתברך זאל אים באשערן צו געפינען א גארטל מיט לויטער גילדענע רענדלעך. וכך הווה, קוים האט ער נאר געהאט ארויסגעזאגט זײַן ווונטש, האט ער דערזען ליגן פאר זיך א גארטל מיט גאלד. עס פארשטייט זיך, אז ער איז געווארן מלא שמחה מיט אט דעם מזלדיקן געפינס. און צוריקגייענדיק צו זײַנע בחורים, זאגט ער צו זיי: „ליבע בחורים, איך האב פאר אײַך א גוטע בשורה. זײַט פריילעך, מוזמנת מיר וועלן באלד אנקומען אין א מקום, וווּ עס וווינט מײַנער א גוטער פרײַנד, וואס איז א גרויסער עושר. איך בין זיכער, אז ער וועט מיר לײַען געלט, ווײַל ער ווייס אפשר גאר נישט, אין וואס פאר א מעמד איך געפין זיך. איך וועל אײַך דעמאלט אויסקליידן און אלעמען שיקן אהיים". די מעשה מיטן פינגערל האט ער אבער געהאלטן בסוד און נישט דערציילט זײַנע בחורים, פשוט צוליב מורא, אז זיי וועלן דאס פון אים אויסנארן אדער אים אפשר גאר פארמסרן, און דער סוף וואלט געווען, אז מען וועט בײַ אים צונעמען דאס רינגל. דעריבער האט ער געמאכט א שווײַג. די בחורים, אז זיי האבן געהערט, זיי וועלן בקרוב באקומען נײַע מלבושים, האבן זיך שטארק דערפרייט, און עס איז קיינעמען פון זיי נישט אײַנגעפאלן צו טראכטן אנדערש ווי נאר אזוי, ווי דער רבי האט זיי געזאגט. אזוי זײַנען זיי אנגעקומען אין דער נאענטסטער שטאט. זיך

can we roam like this? We have no money and no clothes. There's nothing we can do about it. Wherever we come, people close their doors and take us for ne'er-do-wells. Perhaps we ought to go home to our parents. We're growing older, we want to get married. But we won't tell anyone what you're doing, or where you are."

Upon hearing this from his students, the good rabbi pondered for a while, and then he said:

"My dear students, what greater praise can I speak of you than your loyalty, which you have been showing me all this time. I therefore want to ask you: Stay with me another four or five days, until after Sabbath. Then, with God's help, I'll let you go. Perhaps the Good Lord will grant us some luck, and we'll be able to go home together."

The students answered:

"Fine, dear Rabbi, we've been with you so long, we'll stay together for a few more days."

And so they wandered on until they came to a clump of saplings. Here the rabbi said to his students:

"Go on ahead, I have to relieve myself."

The students walked on, discussing and disputing.

After relieving himself, the rabbi wanted to wash his hands. He caught sight of a spring not too far away. He took some water and washed his hands. Just as he was about to go farther, he sighted a little weasel dashing past, with a lovely golden ring in its mouth. The rabbi began to chase the weasel, until the beast dropped the ring. The rabbi picked it up. He saw it was worthless. But then he noticed an ancient writing on the inside, which he was able to read. It said: "Though I look ugly, I am invaluable."

The rabbi was very wise and he realized there was something special about this ring, and he pondered and pondered. "What kind of virtue does the ring have. What makes it so invaluable? Perhaps it has the magic power to grant any wish that a man might desire. I'll try it."

And he wished: "May God let me find a moneybelt before me." Scarcely had he uttered his wish when he saw lying before him a belt full of gold. He was overjoyed again. And upon returning to his students, he said:

"Dear students, you can make merry. We will soon arrive in a place where a friend of mine lives. He is a wealthy man, and I'm sure he will lend me money, he doesn't yet realize that I'm poor.

With the money, I'll be able to buy you all new clothes and send you home."

He didn't want to tell his students about the ring. He feared they might take it away, or else report him, and he would lose it. So he didn't say a word.

When the students heard they would soon be getting new clothes, they were overjoyed, and they asked no further questions. They believed everything he told them.

And so, they arrived in the next town.

קוים אויפֿגעהאַלטן אַ טאָג, האָט דער רבי שוין גענומען אויסקליידן זײַנע בחורים פֿון שענסטן און בעסטן, מיט כאַמעט און זײַד. אויך פֿאַר זיך האָט ער געלאָזט מאַכן גאָר טײַערע מלבושים, אַזוינע וואָס ער פֿלעגט טראָגן אין די גוטע, אַלטע צײַטן. הקיצור, ער איז אין דער שטאָט פֿאַרבליבן אַן ערך אַ וואָך צי צען טעג און געלערנט מיט די בחורים מיט גרויס חשק. די שטאָטלײַט האָבן אים אָנגעטאָן אַ סך כּבֿוד, ווי עס איז אים טאַקע געקומען, מחמת ער איז געווען אַ גדול בתּורה און אַ גרויסער ידען. אַ מאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט און זיך אײַנגעקויפֿט אַ שײַנע קאָטש, ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר אַ שׂררה, און זאָגט צו די בחורים: „ליבע בחורים, קומט אַהער, וועל איך אײַך אָפּצאָלן פֿאַר אַלצדינג, וואָס איר האָט מיר געטאָן בעת מיר זײַנען געווען אונטערוועגנס, און דערנאָך וועלן מיר פֿאָרן אַהיים". די בחורים האָבן גאָר אַנדערש נישט געמיינט, ווי נאָר אַז דער רײַכער קרובֿ אין שטאָט האָט אים טאַקע געליִען טויזנט גילדן, ווי דער רבי האָט דאָס זיי געזאָגט, כּדי ער זאָל קענען ווידער אַהיימפֿאָרן ברווחה און אין כּבֿוד. הכּלל, זיי האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן. און הפֿלא ופֿלא, דאָרט וווּ מען האָט פֿריִער פֿאַרמאַכט פֿאַר זיי די טירן — האָט מען פֿאַר זיי איצט רחבֿותדיק צעעפֿנט און זיי וואַרעם אויפֿגענומען.

אָבער כּל־זמן דער רבי מיט זײַנע תּלמידים זײַנען געווען אַוועק פֿון שטאָט, האָט זיך דאָרטן אָפּגעטאָן חושך. נאָר אַזוי גיך ווי מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דער רבי מיט זײַנע תּלמידים קומען צוריק אַהיים, איז אין שטאָט ווידער געוואָרן ליהודימדיק. ווער האָט זיך נאָך אַזוי געפֿרייט ווי די אָרעמע לײַט אין שטאָט? ווי דער רבי איז נאָר אָנגעקומען אַהיים, האָט יעדער אים געגעבן אַ וואַרעמען קבלת־פּנים, מחמת עס האָט דאָך קיינער נישט געוווּסט, אַז נאָר איבערן דלות איז ער אַוועק אין דער פֿרעמד. דעם אמת געזאָגט, האָט מען אין שטאָט געמיינט, אַז ער איז אַוועק לערנען, ווי עס איז געווען דער שטייגער פֿון גרויסע לומדים. הקיצור, דער רבי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו פֿירן אַזוי ווי פֿריִער. ער

האָט געגעבן צדקה, מרבּיץ תּורה געווען און אָנגעהאַלטן קליינע יינגלעך צו לערנען. שבת נאָך מיטאָג, נאָכן שלאָף, האָט ער זיך נוהג געווען צו זאָגן פּשט אין אַ האַרבן תּוספֿות פֿאַר זײַנע בחורים. אָבער איין מאָל, אַ שטיקל צײַט שפּעטער, אין אַ שבת נאָך מיטאָג, בשעת דער רבי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן נאָכמיטאָג־שלאָף, איז זײַן ווײַב צוגעשטאַנען צו אים און געזאָגט: „מײַן ליבער מאַן, ווי קומט דאָס, וואָס דו האָסט אויף איין מאָל אַזוי פֿיל געלט? האָסט דאָך געמוזט אַוועק פֿון דאַנען מחמת דעם גרויסן דלות!" — ענטפֿערט איר דער מאַן: „השם יתבּרך האָט מיר באַשערט אונטערוועגנס אַ גרויסע מציאה". אָבער דאָס ווײַב האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט אים אַזוי לאַנג געמאַטערט, ווי ווײַבער קענען דאָס טאָן, ביז ער האָט איר נאָכגעגעבן און אויסגעזאָגט דעם סוד. איז דאָס באמת געווען גאָר אַ גרויסע נאַרישקייט פֿון זײַן זײַט, מחמת שלמה המלך האָט שוין געוואָרנט, אַז מען זאָל אַ ווײַב נישט אָנפֿאַרטרויען קיין סוד, מחמת זיי האָבן נײַן מאָס רייד און צום סוף קומט דערפֿון קיין גוטס נישט אַרויס, ווי איר וועט טאַקע דאַ באַלד הערן. ווען דער רבי וואָלט איר נישט אויסגעזאָגט דעם סוד וואָלט ער זיך געווען פֿאַרשפּאָרט אַ סך צרות און יסורים. ווײַל ער האָט איר אָבער מגלה געווען זײַן סוד מיטן פֿינגערל, אַז אַלץ וואָס מען ווינטשט זיך ווערט מקוים, האָט ער דערנאָך געמוזט לײַדן ביטערע יסורים.

אַזוי באַלד ווי דער שלאַק פֿון אַ רביצין האָט געהערט די מעשׂה מיטן פֿינגערל, האָט זי זיך געטראַכט: „אויב איך וועל נאָר אַרויסבאַקומען פֿון אים דאָס ווינטשפֿינגערל, וועט ער עס שוין מער נישט צוריק זען". זי האָט ממש געחלשט אַרויסצובאַקומען דאָס פֿינגערל פֿון אים. זי האָט אָבער געוווּסט, אַז זי קען דאָס נישט טאָן אָן זײַן הסכּמה. דעריבער זאָגט זי צו אים: „ליבער מאַן, ווײַז מיר דאָך דאָס פֿינגערל און לאָז מיך זיך מיט דעם אַ שפּיל טאָן". האָט אָבער דער רבי געוווּסט וואָס פֿאַר אַ מרשעת זי איז, האָט ער עס איר בשום אופֿן נישט געוואָלט געבן. האָט

זי אָפּגעטאָן כּל המינים שפּיצלעך, זיך געמאַכט וויינען, און מיט טרערן אין די אויגן זאָגט זי צו אים: „ווי איך זע, האָסטו מיך שוין מער נישט ליב, היות ווי דו האָסט אַזוי מורא מיר אָנצוגעטרויען דאָס פֿינגערל". און זי האָט אין אים אַזוי לאַנג אַרײַנגערעדט, אַז ער איז געוואָרן מיד פֿון אירע רייד. און וועלנדיק פּטור ווערן פֿון איר, האָט ער איר געגעבן דאָס פֿינגערל. אָבער אַזוי באַלד ווי זי האָט נאָר געהאַט דאָס פֿינגערל אין האַנט, האָט זי אַרונטערגעטאָן דעם קאָפּ אונטער אַ קישן און בשעת מעשׂה זיך געווונטשן, אַז איר מאַן זאָל ווערן אַ ווערוואָלף און אַרומלויפֿן אין וואַלד צווישן די ווילדע חיות. ויהי, אַז קוים האָט זי אַרויסגעזאָגט איר ווונטש, איז דער גוטער רבי אַרויסגעשפּרונגען

On the very first day, the rabbi began dressing his students in the finest velvet and silk. And he bought himself the same kind of clothing he had worn before. He remained in this town for a week or ten days, studying hard with his students. The citizens paid him a good deal of respect, as was proper, for he was a great Torah scholar and very learned.

He went into the city and bought a beautiful coach, fit for a prince, and he told his students:

"Dear students, come here, and I will pay you back for everything you did for me while we were roaming about, and then we shall go home."

The students merely thought that the wealthy relative in the town had lent him a thousand ducats, just as the rabbi said to them, so that he might return home in honor. And they started back. And the people who had once closed their doors to them, now opened them wide and welcomed the travelers warmly.

However, while the rabbi and his students were away from their home town, the people were miserable. But then they found out that the rabbi and his students were coming back, and there were shouts of joy. And who was as glad as the poor people in town?

When the rabbi arrived, everyone gave him a warm welcome, for nobody realized he had gone out into the world because he had been poverty-stricken. People thought he had gone away to study. And the rabbi acted as he had always acted before. He gave charity, opened his yeshivah and brought up little boys to study. On Sabbath afternoons, following his nap, he would interpret the hard critical glosses of the Talmud for his students.

One Saturday afternoon, he went to sleep with his wife. Some time later, his wife started nagging him:

"Dear husband, how come you have so much money all at once? We were so poor earlier that you left town."

Her husband answered:

"The Good Lord sent me some luck during my travels."

But his wife didn't believe him. She kept tormenting him, as women do, until he gave in and told her the secret. That was very foolish of him. King Solomon once warned that a man should never tell a secret to his wife, for she will betray him. This happened to the good rabbi, as you shall hear. If the rabbi had refused to tell her the secret, he would have spared himself a lot of trouble. But because he told the secret of the ring, which made all wishes come true, he soon had to suffer terribly.

The moment that shrew of a rebbetsin heard about the ring, she thought to herself:

"If only I can get the ring out of him, he'll never see it again."

She was simply dying to get the ring, but she knew she couldn't get it without his consent. So she said to him:

"Dear husband, give me the ring for a while, I want to see it."

But the rabbi knew how wicked she was, and he wouldn't let her have the ring. So she started yelling, and said:

"I can see you don't love me anymore. Otherwise you wouldn't be afraid to trust me with the ring."

And she put a flea in his ear, until he had to give her the ring.

The moment she had it, she stuck her head under the cover and said: "I wish that God would turn my husband into a werewolf and let him run around in the forest with the wild beasts."

Scarcely had she uttered her wish when the good rabbi leaped out of the window and dashed off into the deep forest, the Bohemian Woods.

פון פּענצטער און אַוועקגעלאָפן אין אַ טיפן וואַלד, וואָס הייסט בעמער וואַלד. דאָרט איז ער אָנגעפאַלן אויף מענטשן, וואָס זײַנען גראָד געווען אין וואַלד, און זיי פאַרצוקט. און בכלל האָט ער אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן, אַז ס׳איז ממש געוואָרן פאַר מענטשן מסוכּנדיק צו גיין אַליין דורכן וואַלד. אַלעמען איז באַפאַלן אַ מורא פאַרן ווערוואָלף. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ נאָרע, ווו עס זאָל זײַן פאַר אים טרוקן צו הויזן. עס האָט געהאַלטן אַזוי ווײַט, אַז אַלע קוילן־ברענערס פון וואַלד זײַנען זיך צעלאָפן, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם ווערוואָלף.

איצט וועלן מיר איבערלאָזן אויף אַ ווײַל דעם וואָלף און זיך נעמען שרײַבן וועגן דעם, ווי עס איז צוגעגאַנגען בײַ אים אין דער היים מיט די בחורים. ווען עס איז יענעם שבת נאָך מיטאָג געווען די צײַט, אַז דער רבי זאָל זאָגן זײַן שיעור מיט תּוספות, האָט די רביצין, ימח שמה, געזאָגט צו די בחורים: „דער רבי וועט הײַנט נישט קענען זאָגן זײַן שיעור, מחמת ער פילט זיך, לא עליכם, נישט גוט". האָבן זיך די בחורים געלאָזט איבערריידן און זײַנען ווידער אַהיים געגאַנגען. צו מאָרגנס זײַנען זיי ווידער געקומען צום שיעור, האָט צו זיי דאָס ווײַב געזאָגט: „דער רבי האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן און מיר נישט געזאָגט

וווהין ער גייט, אַ סבֿרא, אַז ער וועט ערשט צוריקקומען אין פיר יאָר אַרום". בשעת מעשה האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש און צער. אין דער אמתן איז זי, ימח שמה, געווען דערפון זייער צופרידן. איז זי דאָך געווען אַזאַ מרשעת, אַז זי האָט קיין אָרעמאַן נישט געלאָזט אַריבער די שוועל פון איר טיר. פאַר די אָרעמע לײַט איז דאָס געווען אַ ביטערע צײַט און זיי האָבן זיך זייער מצער געווען צוליבן רבין. דאָס מרשעת אָבער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ רײַכער און רײַכער, ווי מען קען זיך דאָס גאָר לײַכט אויסמאָלן. אַלץ, וואָס איר טריף הארץ האָט נאָר באַגערט, האָט זי זיך פאַרשאַפט, אַזוי אַז עס איז גאָר קיין שיעור נישט געווען צו איר עשירות. קיינער האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז געשען מיטן רבין און וווהין ער איז מיט אַ מאָל פאַרפאַלן געוואָרן. עס האָט זיך אויך נישט געפונען קיינער, וואָס האָט עפּעס וועגן דעם געוווּסט. יעדער האָט נאָר געהאָפט, אַז סוף־כּל־סוף וועט ער פאָרט ווידער אַהיימקומען, ווי דאָס איז שוין אַמאָל געשען.

איצט וועלן מיר אויף אַ ווײַל איבערלאָזן די כּלבֿטע, דאָס ווײַב, און זיך נעמען באַשרײַבן ווי דער אָרעמער רבי איז, נעבעך, אַרומגעלאָפן אין דער געשטאַלט פון אַ ווערוואָלף אינעם וואַלד און קיינער האָט דערפון גאָר נישט געוווּסט. ער האָט אָנגעטאָן גרויסע צרות, געדורסט מענטשן און פאַרצוקט חיות, היות ווי דער ווערוואָלף איז באמת די שטאַרקסטע חיה פון אַלע איבעריקע חיות רעות. האָט מען פון שטאָט געשיקט רופן די קוילן־ברענערס, צי זיי וואָלטן זיך נישט געוואָלט נעמען צום ווערוואָלף און מאַכן אַ סוף פון אים. האָבן זיי געענטפערט, אַז ניין, מחמת ער איז שטאַרקער פון אַ לייב און דערצו איז ער נאָך אַזוי קלוג ווי, להבֿדיל, אַ מענטש. ווען דער מלך האָט דאָס געהערט, האָט ער געהייסן מאַכן אַ געיעג אויפן ווערוואָלף אין וואַלד, אָבער עס האָט זיך קיינעמען נישט אײַנגעגעבן אים צו פאַנגען. אַ דאַנק זײַן קלוגשאַפט האָט ער תּמיד אויסגעמיטן די פאַסטקע. מען האָט

אַפילו אויסגעקאָפּעט פאַלגריבער און לעכער אין וואַלד, אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפן. מען האָט דעם וואָלף נישט געקענט כאַפּן.

אינעם וואַלד איז אָבער געווען אַ קוילן־ברענער, וועמען דער ווערוואָלף האָט נישט געטשעפּעט. אַדרבא, ער האָט זיך מיט אים געחבֿרט און כּסדר געהויערט בײַ זײַן כאַטע, הגם אַנדערע מענטשן האָבן געמוזט אויסמײַדן דעם וואַלד מחמת דער מורא פאַרן ווערוואָלף. ויהי היום און דער מלך האָט געלאָזט אויסרופן אין דער שטאָט, אַז ווער עס וועט בײַקומען דעם וואָלף און אים כאַפּן, טויט אָדער לעבעדיק, דעם וועט ער אַוועקגעבן זײַן טאָכטער פאַר אַ ווײַב און ער וועט ירשענען זײַן קיניגרײַך נאָך אים. דער מלך האָט געהאַט אַ יועץ, וואָס איז נאָך נישט געווען קיין באַווײַבטער און איז געווען גאָר אַ גרויסער גיבור, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ סך גבֿורה אין ריטערלעכע טורנירן. זאָגט ער צום מלך: „אַדוני מלך, אויב איר האָט בדעה צו האַלטן וואָרט, טאָ וויל איך מיך אונטערנעמען צו טויטן דעם וואָלף. ווייסט איר דאָך, אַז איך בין געווען אָפט אין מלחמות און אַרויסגעוויזן אַ סך גבֿורה און תּמיד געהאַט מזל אין מײַן קאַמף. דעריבער וויל איך איצט ווידער אַ מאָל אויספּרובירן מײַן מערכה". דער מלך האָט אים צוגעזאָגט צו האַלטן וואָרט און אַזוי האָט דער יועץ גענומען זײַן כּלי־זין און ...

Here, he started devouring people in the forest. He caused so much havoc that it was worth your life walking through the forest. Everyone was scared of the werewolf. He built himself a dry den to live in. And he caused so much terror that the charcoal-burners all ran away from the forest because they were frightened of him.

But now we'll leave the wolf for a time and write about what was happening in his home with the students.

When the time came, that Sabbath afternoon, for the rabbi to do his lesson with the students, his wife, damn her soul, said to them:

"The rabbi won't be able to give his lesson today because he doesn't feel well."

The students believed her and went back home. The next day, they came for their lesson again, and the wife said:

"The rabbi has gone traveling again, but he didn't tell me where he was going. But I think that when four years are up, he'll return."

And she made believe she was very sorrowful. But in reality, damn her soul, she was very glad.

Now, when poor people came, she wouldn't let them in the house. This was a dreadful time for the poor, and they were very miserable because of the rabbi's absence. The wicked shrew grew rich, as we can well imagine. She got herself everything she desired, and there was no end to her wealth.

But no one could understand what had become of the rabbi and where he had suddenly vanished to. Nor could anyone find out. People only hoped that he would finally come home, as he had already done once before.

But now we'll leave the shrew for a while and describe the condition of the poor rabbi, who was running around in the shape of a wolf. He caused terrible suffering and tore apart people and other animals. For there is no animal stronger than the werewolf. The town sent for the charcoal-burners and asked then whether they would be willing to go after the werewolf and destroy him. The charcoal-burners refused, saying the werewolf was stronger than a lion, and as smart as a human being.

Hearing this, the king went hunting for the werewolf in the forest, but he couldn't catch him. They dug pits in the forest, but nothing helped.

However, there lived a charcoal-burner in the woods, whom the werewolf never bothered. On the contrary, he became friendly with him and always hung around his hut, although other men had to keep clear of the forest because they were so frightened of him.

One day, the king issued a proclamation that whoever would overcome the wolf and capture him, dead or alive, would marry the king's daughter and inherit the kingdom. The king had an adviser who was unmarried, and he was very strong and heroic, and had displayed his might in tournaments. This adviser said to the king:

"Your Majesty, if you intend to keep your word, then I will undertake to kill the wolf. You know that I've fought in a lot of wars nd shown a great deal of strength and always carried the day in ny fights. And now I want to try my luck again."

The king promised he would keep his word. The adviser took his

זיך גוט באַוואָפּנט, מחמת ער איז געווען זיכער צו דערהרגענען דעם וואָלף. ער איז קודם כל אַוועק צום קוילן־ברענער, מיט וועם דער וואָלף האָט זיך געחברט, און זאָגט צו אים: „מײַן ליבער, ווײַז מיר ווו עס איז די נאָרע פֿונעם וואָלף אָדער ווו ער האַלט זיך אויף". אַז דער קוילן־ברענער האָט געזען, דער קיניגלעכער יועץ איז אויסן צו טויטן דעם וואָלף, איז ער געוואָרן שטאַרק דערשראָקן, מחמת ער האָט מורא געהאַט פֿאַרן חיות פֿון יועץ, ווי דאָס איז טאַקע שיִער נישט אַזוי געשען. זאָגט ער צום יועץ: „מײַן האַר, וואָס טוט איר דאָ אינעםווילדן וואַלד? אויב דער וואָלף וועט אײַך נאָר דערזען מיט אײַער כּלי־זין, זײַט איר ממש ניט זיכער מיטן לעבן, מעגט איר אַפֿילו זײַן וואָס פֿאַר אַ חשובֿ בײַם מלך". אָבער דער יועץ זאָגט צו אים: „האָב נישט קיין מורא, איך קען גוט מײַן מלאכה. דו ווײַז מיר נאָר ווו ער געפֿינט זיך, בין איך דאָך בפֿירוש אַהערגעקומען מיך אײַנצושטעלן, אַבי נאָר צו טייטן דעם וואָלף". דער קוילן־ברענער האָט זיך אָבער בײַ אים אַלץ ווײַטער געבעטן: „מײַן האַר, פֿאָלגט מיך און לאָזט דאָס אָפּ. אײַער לעבן איז אין אַ גרויסער סכּנה!" — אָבער דער יועץ האָט פֿון גאָר נישט געוואָלט הערן און יאָגט אים אונטער: „האַלט מיך נישט אויף, עס מוז שוין אַזוי זײַן!" — דעמאָלט זאָגט דער קוילן־ברענער: „אויב עס מוז אַזוי זײַן, טאָ זאָל זיך גאָט איבער אײַך דערבאַרעמען". און ער נעמט און פֿירט דעם יועץ צו ווו דער וואָלף איז אַרומגעלאָפֿן. מיט זײַן ביקס און שפּיז אין דער האַנט האָט זיך דער יועץ פּאַמעלעך דערנענטערט צו דעם פּלאַץ, ווו דער וואָלף איז געווען, און געמיינט, אַז ער וועט אים אַוועקלייגן אַ טויטן אַזוי גיך ווי ער וועט אים נאָר דערזען פֿון דער נאָענט. נאָר אַז דער וואָלף האָט דערזען, ווי זײַן לעבן איז אין אַ סכּנה, איז ער אָפּגעשפּרונגען אויף הינטערווײַלעכץ און דערנאָך מיט איין שפּרונג אָנגעכאַפּט דעם יועץ בײַם גאָרגל, אים אַנידערגעוואָרפֿן אויף דער ערד און אים כּמעט נישט געממיתט. אַז דער קוילן־ברענער האָט דאָס געזען, האָט ער אַוועקגעיאָגט דעם וואָלף פֿונעם יועץ, אָבער דער יועץ האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם וואָלף און אים פֿאָרט געוואָלט אַוועקלייגן. דאָס האָט אָבער דער קוילן־ברענער בשום אופֿן נישט געוואָלט דערלאָזן. אַז דער יועץ האָט זיך שוין צום דריטן מאָל פֿון דאָס נײַ געוואָלט נעמען צום וואָלף, איז דער וואָלף געוואָרן מלא רציחה און געוואָלט דעם יועץ צערײַסן אויף שטיקער. זעענדיק די סכּנה, האָט דער יועץ געבעטן רחמים בײַם השם יתברך, אַז ער זאָל אים מציל זײַן פֿון דער זיה רעה און צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין מער נישט טשעפּען דעם וואָלף. דעמאָלט האָט דער וואָלף אים אָפּגעלאָזט און גענומען גאָר פֿרײַנדלעך דרייען מיטן עק, מעשׂה מענטש, ווי איינער וויל אונטערחנפֿענען דעם אַנדערן. ער האָט אים שוין פֿון איצט אָן נישט געוואָלט אָפּלאָזן, נאָר אים נאָכגעלאָפֿן ווי אַ געטרײַער הונט לויפֿט נאָך זײַן באַלעבאָס. דעם אמת געזאָגט, האָט דער יועץ געוואָלט פֿון אים וואָס גיכער פּטור ווערן, מחמת ער האָט פֿאַר אים מורא געהאַט. אָבער דער וואָלף איז אים כּסדר נאָכגעלאָפֿן און גוטמוטיק געדרייט מיטן עק. האָט דער יועץ אַראָפּגענומען פֿון זײַנע לענדן דעם פּאַסיק, אָנגעבונדן דעם וואָלף און אים אַזוי געפֿירט נעבן זיך. אויף אַזאַ אופֿן איז דער וואָלף געוואָרן זײַן שטענדיקער באַגלייטער אין וואַלד און, אויב עס איז אָנגעקומען אַ חיה רעה, וואָס האָט געקענט דעם יועץ עפּעס שלעכטס טאָן, האָט דער וואָלף זי באַלד צעריסן אויף שטיקער. האָט ער געזען פֿאַרבײַלויפֿן אַ האָז אָדער אַ פֿוקס, האָט ער זיי געכאַפּט און געבראַכט צום יועץ. דער סוף איז געווען, אַז דער יועץ האָט געבראַכט צו פֿירן דעם וואָלף צום מלך אין דער שטאָט אַרײַן. ווען דער מלך און זײַנע יועצים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך גאָר שטאַרק דערשראָקן און מורא געהאַט פֿאַר דעם מסוכּנדיקן וואָלף. האָבן זיי זיך דאָך אָנגעהערט גענוג שמועות, ווי דער וואָלף האָט געדורסט מענטשן. דעריבער האָט דער מלך געבעטן זײַן יועץ, אַז ער זאָל אַוועקטאָן דעם וואָלף. אָבער דער יועץ זאָגט: „אַדוני, האָט גאָר קיין מורא נישט! ער וועט קיינעם נישט טאָן קיין בייז, אויב מען וועט אים נישט טשעפּען. אויף דעם קען איך אײַך ערבֿ זײַן מיט מײַן קאָפּ. אַדרבא, ער האָט פֿאַר מיר גאָר געפֿאַנגען פֿאַרשיידענע חיות". הקיצור, דער יועץ האָט מהיום והלאה געהאַלטן בײַ זיך דעם וואָלף און אים געטאָן אַ סך גוטס. ער האָט נאָך אַלעמען דערציילט, ווי גוט דער וואָלף איז געווען צו אים, ווי ער האָט אויף אים רחמנות געהאַט און געלאָזט לעבן, הגם ער האָט זיך געהאַט כּשר פֿאַרדינט, אַז ער זאָל אים צערײַסן, מחמת ער איז דאָך אויסן געווען דעם וואָלף צו קוילען. דעריבער טאַקע האָט דער יועץ איצט זייער גוט באַהאַנדלט דעם וואָלף, אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען פֿון בעסטן און נישט פֿון ערגסטן. איז

weapons and armed himself well, for he was convinced he would kill the wolf.

First he went to the charcoal-burner, who was friendly with the wolf, and said to him:

"My friend, show me where the wolf's den is or where he hangs about."

When the charcoal-burner saw that the royal adviser was intent on killing the wolf, he was deeply alarmed, for he was fearful for the adviser's life since he himself had almost been killed by the werewolf.

So the charcoal-burner said to the adviser:

"My lord, what are you doing here in this forest? When the wolf sees you, you will be doomed no matter how great you are."

The adviser said:

"Never mind. Just show me where he is. I came here to try and kill the wolf."

The charcoal-burner said:

"My lord, I beg you, do not go on, or you will be doomed."

The adviser said:

"Don't hold me up! This is what has to be!"

So the charcoal-burner said:

"Then God have mercy on your soul!"

And he led the adviser to the place where the wolf was running about. With his musket and spear in his hands, the adviser slowly crept up toward the werewolf, thinking he would kill him as soon as he saw him up close.

But when the wolf saw that his life was in danger, he leaped to the side and sprang upon the adviser's throat. He flung him upon the earth and was about to kill him.

When the charcoal-burner saw what was happening, he chased the wolf away from the adviser. But the adviser wouldn't stop. He still wanted to kill the wolf. The charcoal-burner wouldn't allow it. When the adviser tried to attack the wolf a third time, the wolf became so fierce that he wanted to tear him to shreds. The adviser pleaded with God to save him from the wolf. He swore he wouldn't go after him anymore. The wolf let go, and began wagging his tail, quite humanly, the way one man tries to flatter another. He wouldn't stay away from him, and he trotted after him the way a loyal dog trots after his master. The adviser wanted to get rid of him for he was terribly frightened. But the wolf kept running after him.

The adviser took his belt off, and used it as a leash for the wolf. In this way, the wolf became his steady companion in the woods, and, whenever a wild beast appeared that might harm the adviser, the wolf would kill it. If he saw a hare or fox running by, he would catch it and bring it back to the adviser.

Finally, the adviser led the wolf back to the king in town. The king and his advisers were terror-stricken. They had heard enough rumors about how the wolf had torn people to shreds. The king asked the adviser to get rid of the wolf. But the adviser said:

"Your Majesty, don't be afraid! He won't harm anyone if nobody bothers him. I'll put my head on the block for that. Why, he's even caught various animals for me."

And so, the adviser kept the wolf at his side and did a lot of good things for him. He told everyone that the wolf had taken pity on the adviser and allowed him to live, even though he certainly deserved to be torn to shreds, because he had tried to kill the wolf three times. That was why the adviser was now treating the wolf so well, giving him food and drink, the very best and not the very worst. Whenever the adviser went hunting, he always took the wolf along, and when the wolf sighted an animal, he caught it and brought it back to his master.

דער יועץ אַרויסגעגאַנגען אויפֿן געיעג, האָט ער תּמיד מיטגענומען דעם וואָלף און, ווי ער האָט נאָר דערזען אַ חיה, האָט ער זי געכאַפּט און געבראַכט צו זײַן האַר.

ווי מיר ווייסן שוין, האָט דער מלך צוגעזאָגט צו געבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב צו יענעם, וואָס וועט פֿאַנגען דעם וואָלף, צי טויט צי לעבעדיקערהייט. האָט דער יועץ זיך דאָך דאָס געהאַט כּשר פֿאַרדינט. דער מלך האָט טאַקע זײַן וואָרט געהאַלטן און אים געגעבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב און דערצו נאָך אַ העלפֿט פֿון זײַן פֿאַרמעגן. ווען דער אַלטער מלך איז אין אַ צײַט אַרום געשטאָרבן, איז ער געוואָרן זײַן ממלא־מקום און געקיניגט איבערן גאַנצן לאַנד. די גאַנצע צײַט האָט ער געהאַלטן בײַ זיך דעם וואָלף און זיך נישט געוואָלט פֿון אים שיידן כּל־זמן ער לעבט. דאָס אַלץ איז געווען צוליב דעם, וואָס דער וואָלף האָט געראַטעוועט זײַן לעבן, אַזוי אַרום איז ער עולה לגדולה געוואָרן און געקיניגט איבערן גאַנצן לאַנד.

ויהי היום, איין מאָל אין אַ ווינטערטאָג, בעת עס האָט זיך געהאַט געשטעלט אַ שווערער שניי, איז דער יונגער קיניג אַרויסגעריטן אויף אַ געיעג און מיטגענומען דעם וואָלף. אַזוי באַלד ווי דער וואָלף איז געווען אין דרויסן, האָט ער אָנגעהויבן ווידער אַ מאָל צו דרייען מיטן עק און איז כּסדר געלאָפֿן פֿאָרויס, אַ פּנים ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אויסשפּירן. דער קיניג איז אים נאָכגעריטן און פֿון דער ווײַטנס געזען, ווי דער וואָלף גראַבלט עפּעס מיט דער לאַפּע אינעם שניי. אַז דער קיניג איז צוגעקומען צו דעם אָרט, וווּ דער וואָלף איז געשטאַנען, האָט ער געזען אַ געשריפֿטס אויפֿן שניי. דער קיניג איז דערפֿון געוואָרן שטאַרק פֿאַרחידושט און זאָגט צו זײַן סוויטע: „עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק, אַז אַ וואָלף זאָל גאָר קענען שרײַבן! אפֿשר האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פֿאַרכּישופֿטן מענטש? אַזוינס איז דאָך שוין פֿאָרגעקומען". אָבער עס האָט זיך צווישן די מענטשן נישט געפֿונען קיינער, וואָס זאָל קענען לייענען דאָס געשריפֿטס. האָט דער קיניג געשיקט רופֿן אַלע געלערנטע און דאָקטוירים, אָבער קיינער פֿון זיי האָט נישט געקענט לייענען דאָס כּתבֿ. איז צווישן דעם קיניגס יועצים געווען איינער, וואָס האָט געקענט לשון־קודש, זאָגט ער צום קיניג: „אַדוני מלך, דאָס איז דאָס כּתבֿ פֿון די ייִדן". און הייבט־אָן צו לייענען: „ליבער קיניג, געדענק די פֿרײַנדשאַפֿט און פֿאַרגעס נישט דאָס גוטס, וואָס איך האָב דיר געטאָן, בשעת דו ביסט געקומען אין וואַלד אַרײַן צו מײַן נאָרע. איך האָב געקענט דיך צערײַסן אויף שטיקער, בשעת דו ביסט געלעגן אונטער מיר. דו האָסט דיר געהאַט דאָס כּשר פֿאַרדינט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָב איך געהאַט רחמנות אויף דיר און דיך געשוינט. דו ביסט נאָך צום סוף געוואָרן אַ מלך. זײַ וויסן, אַז איך האָב אַ ווײַב אין יענער שטאָט (און ער זאָגט אים, ווי די שטאָט הייסט), האָט זי מיך פֿאַרכּישופֿט. טאָמער באַקום איך נישט באַלד צוריק דאָס ווינטשפֿינגערל, וועל איך מוזן פֿאַרבלײַבן אַ וואָלף מײַן גאַנץ לעבן. נעם איך ווידער אָפּ דאָס ווינטשפֿינגערל, אַזוי וועל איך ווידער ווערן אַ מענטש מיט לײַטן גלײַך. דעריבער בעט איך דיך, פֿאַרגעדענק מײַן געטרײַשאַפֿט, וואָס איך האָב דיר באַוויזן, רײַט־אַוועק אין יענער שטאָט, נעם־צו פֿון מײַן ווײַב דאָס פֿינגערל און ברענג עס צוריק צו מיר טאַקע אין נאָמען פֿון אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט. אויב נישט, טאָ וואָרן איך דיך, אַז דו וועסט האָבן אַ מיאוסן סוף". דערבײַ האָט ער געגעבן דעם קיניג אַ סימן ווי דאָס פֿינגערל זעט־אויס. דאָס אַלץ איז געשטאַנען בולט אָנגעשריבן אויפֿן שניי.

אַז דער קיניג האָט דאָס געהערט, זאָגט ער: „אים וויל איך העלפֿן, אַפֿילו אַז עס זאָל מיר אויסקומען אײַנצושטעלן מײַן לעבן". נישט לאַנג געטראַכט, לאָזט ער זיך אין וועג אַרײַן מיט זײַנע דרײַ קנעכט און רײַט אַזוי לאַנג, ביז ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט, וואָס דער רבי האָט אים געזאָגט, אַז דאָרט וווינט זײַן ווײַב. אָנקומענדיק אַהין, האָט דער מלך געלאָזט וויסן, אַז ער וויל קויפֿן שיינע פֿינגערלעך און אַלטפֿרענקיש צירונג. גאָר נישט וועט אים זיין צו טײַער. ער וועט באַצאָלן דעם פֿולן פּרײַז. ער האָט אויך צו זיך אַרײַנגערופֿן די ייִדן פֿון שטאָט און פֿרעגט בײַ זיי, צי זיי האָבן אַלטפֿרענקיש גאָלד אָדער פֿינגערלעך אָדער אפֿשר גאָר אבֿנים טובֿות, אויף וואָס ער איז אַ קונה. זאָגן צו אים די ייִדן: „מיר זײַנען אָרעמע לײַט, אָבער אין שטאָט איז פֿאַראַן אַ פֿרוי, וואָס פֿאַרמאָגט גאָר שיין צירונג און אַ סך גילדענע פֿינגערלעך". האָט ער זיי געבעטן אים צוצופֿירן צו אָט דער פֿרוי. האָבן זיי אַזוי געטאָן. עס איז אָבער קיינעם פֿון זיי אַפֿילו נישט אײַנגעפֿאַלן צו טראַכטן, אַז דאָס איז דער מלך בכבֿודו ובעצמו. זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז פּשוט אַ סוחר, וואָס האַנדלט מיט גאָלד און כּל המינים שטיינער. אַרײַנקומענדיק צו דער פֿרוי, זאָגט ער צו איר: „הערט, איר, ליבע פֿרוי! מען האָט מיר דערציילט, אַז איר פֿאַרמאָגט זעלטענע חפֿצים און אַלטע גילדענע פֿינגערלעך, סײַ מיט און סײַ אָן איידלשטיינער, אָבער גאָר שיינע אַלטפֿרענקישע אַרבעט. אויב איך וועל בײַ אײַך עפּעס אַזוינס זען, וואָס געפֿעלט

As we already know, the king had promised to let his daughter marry the man who captured the wolf dead or alive. Now the adviser certainly deserved her hand. The king did indeed keep his word and gave him his daughter for a wife as well as half his wealth. And when the old king died after a time, the adviser took his place and ruled over the entire land. He always kept the wolf at his side and was unwilling to part from him as long as he lived. This was because the wolf had saved his life, and helped him become king. And thus he took care of him, for it was only just.

One winter's day, when it was snowing heavily, the young king went out hunting, and he took along the wolf. As soon as the wolf was outside, he began wagging his tail and kept running on ahead, as though he were tracking down something. The king rode after him and saw him, from afar, grubbing in the snow with his paw. When the king arrived he saw some words written in the snow. The king was astounded and said:

"There's something wondrous here—a wolf that can write! Perhaps he's really a human being under a curse! Such things have happened in the past!"

But no one could read the writing. So the king sent for scholars, but none of them could read the script. However, among the king's advisers, there was one who knew Hebrew, and he said:

"Your majesty, that is the script of Jews."

And he began to read:

"Dear king, remember our friendship and do not forget the good I did you when you came to my den in the woods. I could have torn you to shreds for I overpowered you three times. You certainly deserved it. But nevertheless, I spared your life. In the end, you became king. Know then that I have a wife in that town" (and he mentioned the name of the town) "and she put a spell on me. If I don't get the wishing-ring back very soon, I'll have to remain a wolf for the rest of my days. But if I can get back the wishing-ring, I can become a human being again like everyone else. Therefore I beg of you, recall my loyalty to you. Ride to that town, take the ring from my wife and bring it back to me for the sake of our friendship. Otherwise, I will kill you." There was also a sign showing what the ring looked like. And all this was written clearly in the snow.

Upon hearing this, the king said:

"I want to help him even if I have to risk my life."

With no further ado, he started out with three servants and rode and rode until he came to the town where the rabbi had said that his wife lived. Here, he announced that he wanted to buy lovely rings and old-fashioned jewelry. Nothing was too expensive for him. He would pay the full price. He also summoned the Jews of the town and asked them whether they had any old-fashioned gold or rings or perhaps even gems. The Jews said to him:

"We are poor people, but there is a woman here in town who owns a lot of beautiful jewelry and many gold rings."

He asked them to take him to the woman. They did so. But they didn't realize that this was the king himself. They took him for an ordinary merchant who dealt in gold and all kinds of precious stones.

Upon coming into the woman's home, the king said to her:

"Listen, my good woman! I've been told that you own old rare objects and old golden rings, some with and some without jewels,

געקענט אַפּגילטן. הכלל, דער רבי האָט מיטגענומען צידה לדרך און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. אונטערוועגנס האָט ער ווידער אַ מאָל צונויפֿגעקליבן פֿופֿציק בחורים, זיי אויסגעקליידט אין סאַמע טײַערן, שוואַרצן סאַמעט, און אַזוי זײַנען זיי אָנגעקומען אין זײַן שטאָט אַרײַן. אָבער נאָך איידער ער איז אַרײַן אין שטאָט, זאָגט ער אַרויס: „איך ווינטש מיר, אַז מײַן ווײַב, ימח שמה, זאָל ווערן אַן אייזלטע. זי זאָל שטיין אין שטאַל און פֿרעסן פֿון דער קאָריטע צוזאַמען מיט די איבעריקע בהמות“. קוים האָט ער טאַקע אַרויסגעזאָגט זײַן ווונטש, אַזוי איז פֿון זײַן ווײַב געוואָרן אַן אייזלטע, וואָס איז באַלד געשטאַנען אין שטאַל און געפֿרעסן האָבער פֿון דער קאָריטע צוזאַמען מיט די איבעריקע בהמות.

בינו לבֿינו האָט זיך אין דער שטאָט פֿאַרשפּרייט די שמועה, אַז דער רבי מיט פֿופֿציק גוטע בחורים, אַלע אויסגעקליידט אין סאַמע שוואַרצן סאַמעט, קומען־אָן. עס איז געוואָרן אַ גרויסער רעש און פֿון אַלע זײַטן איז מען געלאָפֿן, מיט קהל בראש, זיי מקבל פּנים זײַן, אַזוי ווי עס פּאַסט זיך. פֿאַר אַזאַ אדם חשובֿ און זײַנע תּלמידים. מען האָט געוואָלט וויסן, ווו ער איז אַזאַ לאַנגע צײַט געווען, אָבער דער רבי זאָגט צו זיי: „ווילט איר מיר טאָן אַ טובֿה, טאָ פֿרעגט מיך בעסער נישט. איך וועל אײַך סײַ ווי נישט אויסזאָגן ווו איך בין געווען“. דער רבי האָט זיך גאָר נישט וויסנדיק געמאַכט מכּוח זײַן ווײַב, הגם עס איז אים געווען באַקאַנט, אַז זי שטייט אין שטאַל. פֿון דעסט וועגן, אַרײַנקומענדיק צו זיך אין שטוב, האָט ער פֿאָרט געפֿרעגט זײַן הויזגעזינד: „ווו איז עפּעס מײַן ווײַב? איך זע זי דאָך נישט! זי וועט אַפֿילו נישט קענען אָנקוקן די פֿופֿציק בחורים, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך“. ענטפֿערן אים אויף דעם די בני־בית: „ליבער רבי, אויב איר וועט זיך, חלילה, נישט דערשרעקן, וועלן מיר אײַך דערציילן דעם גאַנצן אמת“. זאָגט דער רבי: „האָט נישט קיין מורא, איך וועל מיך שוין נישט דערשרעקן, נאָר זאָגט מיר ווו זי איז“. נעמען זיי זיך אים דערציילן: „ליבער רבי, אַזוי באַלד ווי מיר האָבן פֿאַרנומען אַז איר קומט־אָן, זײַנען מיר אַרײַנגעלאָפֿן צו אײַער ווײַב, איר אָנזאָגן די גוטע בשורה. אָבער מיר האָבן זי אין ערגעץ נישט געפֿונען, און מיר וויסן ממש נישט ווו זי איז אַהינגעקומען. עפּעס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי אין בראָד“. דער רבי האָט זיך שוין גאָר נישט דערשראָקן מיט אָט דער שמועה און זיך ווײַטער געמאַכט כּאילו לא ידע. ער זאָגט אָבער צו די בני־בית: „איך גלייב, אַז אויב זי וועט אַזוי לאַנג אַוועקבלײַבן ווי איך, וועט זי לסוף פֿאָרט אַהיים קומען“.

אין צווישן האָט זיך דער רבי אָנגעהויבן פֿירן נאָך זײַן אַלטן שטייגער. ער האָט געטיילט צדקה די אָרעמע לײַט, אויסגעהאַלטן אַ ישיבֿה, געטאָן מצוות און מעשים טובֿים, אַזוי אַז די שטאָט איז געוואָרן אויפֿגעריכט פֿון דאָס נײַ. אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה און פֿאַרבעטן די גאַנצע שטאָט. אַז ער איז אַזוי געזעסן מיט אַ פֿריילעך געמיט, זאָגט ער צו דעם עולם: „רבותי, זינט השם יתברך האָט מיר געהאָלפֿן, אַז איך בין אַהיים געקומען בשלום, האָב איך אַ נדר געטאָן צו בויען אַ שיין מקום־תּפֿילה פֿון ליבן נאָמען וועגן. די ציגל, וואָס מען באַדאַרף פֿאַרן בנין, זאָל די אייזלטע שלעפּן“. ווי מיר וויסן, איז דאָס געווען זײַן ווײַב, וואָס ער האָט פֿאַרכּישופֿט אין אַן אייזלטע, אָבער דערפֿון האָט קיינער גאָר נישט געוווּסט. האָט דער עולם צו אים געזאָגט: „ליבער רבי, זאָל השם יתברך אײַך העלפֿן, אַז איר זאָלט זײַן בכּוח אויסצופֿירן בשלום און מיט געזונט אײַער רצון“.

בינו לבֿינו איז די אייזלטע געשטאַנען אין שטאַל, אַ סך געפֿרעסן און געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג אַלץ גרעבער. זי האָט זיך אויך אויפֿגעפֿירט מעשה בהמה און זיך געפּאָרט פֿאַר אַלעמענס אויגן. אַזוי באַלד ווי דער רבי האָט זי געלאָזט שלעפּן די ציגל אויף אירע פּלייצעס, איז זי געוואָרן אָפּגעדאַרטער און דערנאָך נישט געוואָלט מער טראָגן אַזאַ שווערע משׂא. אַז דער רבי האָט דאָס געזען, איז ער צו איר צוגעגאַנגען, איר אַ קאָפּע געטאָן אין דער זײַט און געשריגן: „אַך, דו, מרשעת איינע! ווי האָסטו מיר אָנגעטאָן צרות, אַז דער שלאַק זאָל דיך טרעפֿן!“ אַזוי האָט דער רבי אײַנגעשפּאַנט די אייזלטע אין דער אַרבעט ביז זי איז געוואָרן גאָר מאָגער און אײַנגעדאַרט. דאָס האָט געדויערט גאָר אַ לאַנגע צײַט און קיינער האָט שוין אַפֿילו נישט מער דערמאָנט זײַן ווײַב און וווהין דער רוח האָט זי אַוועקגעטראָגן. אַזוי גיך ווי דער בנין פֿון דער שול איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט דער רבי ווידער אַ מאָל געמאַכט אַ גרויסע סעודה און פֿאַרבעטן אַלע קרובֿים און פֿרײַנד פֿון זײַן ווײַב. אַז זיי זײַנען געווען בגילופֿין, האָט זיי דער רבי דערציילט די גאַנצע מעשה, וואָס האָט זיך מיט אים פֿאַרלאָפֿן, ווי זײַן ווײַב האָט אים אָנגעטאָן אַזוי פֿיל געברענטע צרות,

And so, the rabbi took some food for the journey and started out. On the way, he once again gathered fifty students and bought them clothes of black velvet, and they came to his town. But before he even set foot there, he said:

"I wish to God that my wife, damn her soul, would turn into a donkey. Let her stand in the stable and eat from the trough with the other beasts."

Meanwhile, the news had spread through the town that the rabbi was arriving with fifty students, all dressed in velvet. The whole community gave the rabbi a hearty welcome.

They wanted to know where he had been for so long, but the rabbi said:

"It would be better if you didn't ask. I won't tell you where I've been."

The rabbi acted as if he didn't know what had happened to his wife, although he fully realized she was in the stable. Nevertheless, upon coming home, he did ask his servants:

"Where is my wife? I don't see her anywhere! She won't be able to look at the fifty students I've brought back with me."

His servants said:

"Dear Rabbi, please don't be frightened, and we'll tell you the whole truth."

The rabbi said:

"I won't be frightened."

So they began:

"Dear Rabbi, as soon as we heard that you were coming, we ran to tell your wife the wonderful news. But we couldn't find her anywhere. And we don't even know what's become of her."

The rabbi wasn't the least bit frightened and he continued to affect ignorance. He said:

"I think that if she stays away as long as I did, she'll still come back in the end."

Meanwhile, the rabbi started acting as he had always acted. He distributed alms to the poor, kept up a yeshivah, did good deeds and kind actions. Everyone rejoiced.

A short time later, he gave a large banquet and invited the entire town. Sitting there in high spirits, he said:

"Friends, since the Good Lord helped me to come home safe and sound, I swore an oath to build a beautiful house of worship. The bricks we need for the construction will be hauled by the donkey."

This donkey was his wife. But the others didn't know he had transformed her. They said:

"Dear Rabbi, may the Good Lord help you and enable you to carry out your wish in peace and health."

Meanwhile, the donkey had been eating a lot and gotten fat. And in front of people, she had no sense of modesty, she coupled openly like all animals. But when the rabbi made her haul bricks on her back, she became very scraggy. The rabbi saw that she didn't want to move, so he kicked her in the ribs and said:

"You wicked shrew! What ordeals you inflicted on me—the devil take you!"

And the rabbi made the donkey work until she grew very, very scraggy. This took a long time, and no one wondered where his wife had gone.

As soon as the synagogue was built, the rabbi gave another great banquet, inviting all his wife's kith and kin. When they were all tipsy, the rabbi told them the entire story, everything that had happened to him, the terrible troubles his wife had caused him, until

ביז השם יתברך האָט אים געהאָלפֿן, אַז ער איז ווידער געוואָרן געזונט. צום סוף זאָגט ער נאָך: „דערפֿאַר האָב איך זי פֿאַרכישופֿט אין אַן אייזלטע און אַזוי וועט זי שוין פֿאַרבלײַבן אַלע טעג פֿון איר לעבן״.

אַז די קרובֿים האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי זיך גאָר שטאַרק דערשראָקן און גרויס רחמנות געהאַט אויף איר. האָבן זיי דערפֿאַר געבעטן דעם רבין, ער זאָל איר מוחל זײַן, מחמת זי וועט אַזוינס שוין באַשטימט נישט מער טאָן. דער רבי האָט אָבער מורא געהאַט איר צו געטרויען. נישט לאַנג דערנאָך איז דער רבי נפֿטר געוואָרן און איבערגעלאָזט זײַנע קינדער אַ גרויס עשירות. אָבער דאָס ווינטשפֿינגערל איז ווידער ערגעץ ווו פֿאַרשוווּנדן און דאָס ווײַב איז פֿאַרבליבן אַן אייזלטע אַזוי לאַנג ווי זי האָט געלעבט. דערויף האָט שלמה המלך געזאָגט, אַז מען זאָל נישט אויסזאָגן קיין סוד דעם ווײַב. וואָרעם וואָלט דער רבי נישט געווען אויסגעזאָגט זײַן ווײַב דעם סוד מיטן ווינטשפֿינגערל, וואָלט ער ניצול געוואָרן פֿון דער צרה און נישט געמוזט אַרומלויפֿן אין וואַלד ווי אַ ווילדע חיה. אָבער צום סוף האָט ער איר אָפּגעצאָלט אַזוי ווי זי האָט זיך דאָס פֿאַרדינט. זאָגט טאַקע אויף דעם דער פּסוק: אַ מאָל גראָבט איינער אַ גרוב פֿאַר אַן אַנדערן און פֿאַלט דאָרטן אַליין אַרײַן! (תּהילים ז, ט״ו).

מ״ב רכ״ח. (ב. רכ״ז). — מיר האָבן דאָ ווידער אַ מאָל צו טאָן מיט אַ דערציילערישן שטאָף, וואָס נישט געקוקט אויף זײַן יידישן קאָלאָריט און נוסח (אַזוי, למשל, רעדט זיך וועגן אַ רב און אַ רביצין, אַ מרשעת. ער, אַ גרויסער עושר, אַ למדן און אַ בעל־צדקה, פירט־אָן מיט אַ ישיבה, זאָגט פאַר די בחורים אַ שיעור יעדן שבת נאָך מיטאָג וכד׳), איז ער אויסגעבאָרגט פון דער פרעמד. מסתמא האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ דײַטשיש פאָלקס־מעשהלע, מיטן הויפּטמאָטיוו: „די פאַרוואַנדלונג פון אַ מענטש אין אַ ווערוואָלף״. לויפט טאַקע דער ווערוואָלף אַרום אינעם „בעמער וואַלד״, אפשר אַ סימן אויף דעם דײַטשישן אָפּשטאַם פונעם מעשהלע. נישט זעלטן האָט די יידישע פאָלקשאַפונג (און דאָס איז, אַגב, אויך אַ סימן־מובהק פון דער פאָלקשאַפונג בײַ אַנדערע קולטור־פעלקער), געפּרוּווט צו פאַריידישן אַ פרעמדן סוזשעט, צוטשעפּען צו אים אַ פּסוק פון תנך אָדער סתם אַ פרומען מוסר־השכל, כדי אים צו כשרן פאַרן יידישן עולם. דער יידיש־פאָלקסטימלעכער לבוש איז אָבער נאָך נישט קיין אַבסאָלוטער עדות אויף דעם יידישן מקור פון אַ מעשה. — אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר איז דער מאָטיוו פון פאַרוואַנדלען אַ מענטש אין אַ חיה־רעה אָדער גאָר אַ „ווער״ (־מאַן) וואָלף זייער שטאַרק פאַרשפּרייט. פ״גל מאָטיוו־אינד׳ D 110, D 113.1 און D 113.1.1. — באַליבט איז אויך דער מאָטיוו פונעם כישוף־רינגל. אַלצדינג, וואָס עס ווינטשט זיך ווער עס האָט דאָס רינגל, ווערט תיכף מקוים. וויל ער, וואַקסט זײַן עשירות און עס ברענגט אים אַ סך מזל. דאָס רינגל האָט אָבער אויך גרייַלעך די סגולה צו מאַכן פון אַ מענטש אַ ווערוואָלף אָדער אַן אַנדער חיה, ווי דאָס איז טאַקע געשען פון אָנהייב מיטן רבין און שפּעטער מיט דער רביצין, דער מרשעת. מאָטיוו־אינד׳ D 1470.1 און D 1470.1.15. — טיפּ 400. די מרשעת פאַרוואַנדלט איר מאַן אין אַ ווערוואָלף, G 263, און זי גנבעט־אַוועק אָדער גענאַרט־אויס דאָס רינגל. D 1076 און D 861.5 דער סוף, אַז זי באַקומט איר פאַרדינטן עונש. D 132.1. — דער פאָלקסטימלעכער היוצא לנו מזה איז, ווי אין אַ סך ענלעכע מעשיות, אַז מען זאָל נישט דערציילן דעם ווײַב קיין סוד: דערפון קומט קיין מאָל נישט אַרויס קיין גוטס. פ״גל אויך Stith Thompson, The Folktale (1946), ז׳ 280, און דערצו געהערט אויך מסתמא דער אַלטער כלל אין תלמוד, אַז „נשים דעתן קלה עליהן״ (שבת, ל״ג).



the Good Lord had helped him and he had recovered his human form:

"That's why I turned her into a donkey, and that's what she'll remain for the rest of her days."

When her kith and kin heard this, they were terrified and felt pity for her. They pleaded with the rabbi to forgive her, assuring him she would never do it again. But the rabbi wouldn't trust her.

Not long after that, the rabbi passed away, leaving his children a vast wealth. But the wishing-ring had vanished, and his wife remained a donkey as long as she lived.

That is why King Solomon said that one should never entrust a secret to one's wife. For if the rabbi had not told his wife the secret of the wishing-ring, he would have been spared his ordeal and not have had to run about in the woods. But in the end he paid her back what she deserved. For, as it is written in the Book of Psalms:

"He made a pit, and dug it, and he has fallen into the pit that he made."